**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/21/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט מער פון $850,000 געשאנקען צו פארשטערקערן די פארקויף פון ניו יארקע פארם פראדוקטן און צו ברענגען פרישע לאקאלע עסנווארג פאר שילער**

***סטעיט'ס 'פארם-צו-סקול' פראגראם שטיצט ניו יארקע פארמער, באררייכערט אגריקולטור און נערונג חינוך און פארבעסערט געזונטהייט און וואוילזיין פון סקול קינדער אריבער די סטעיט***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז צען פראגראמען זענען געשאנקען געווארן מער פון $850,000 אין די 7'טע רונדע פון ניו יארק סטעיט'ס 'פארם-צו-סקול' (Farm-to-School) פראגראם. פינאנצירונג צוגעשטעלט דורך דעם פארם-צו-סקול פראגראם העלפט סקולס זיך פארבינדן מיט לאקאלע פארמער, פארמערנדיג די באנוץ מיט לאקאל-געוואקסענע עסנווארג אויף סקול מעניוס און פארשטערקערנדיג די שילער'ס געזונטהייט, בשעת'ן ברענגען מער עקאנאמישע בענעפיטן פאר ניו יארק'ס פארמער. פיר ארגאניזאציעס זענען געשאנקען געווארן סומעס פון דעם פארם-צו-סקול פראגראם צום ערשטן מאל. דער פארם-צו-סקול פראגראם שפיגלט אפ גאווערנער האקול'ס אנגייענדע איבערגעגעבנקייט צו בעסער פארבינדן פארמס און סקולס אריבער ניו יארק און צו פארמערן לאקאלע איינקויפונגען צו פארשטערקערן די סטעיט'ס עסנווארג סיסטעם.

"אונזער פארם-צו-סקול פראגראם איז א הויפט באשטאנדטייל פון מיין אדמיניסטראציע'ס באמיאונגען צו ברענגען מער פרישע לאקאלע ניו יארקע פראדוקטן אויף טישן אריבער די סטעיט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דורכן פארבינדן סקולס מיט פארמער, שטעלן מיר צו קריטישע עקאנאמישע געלעגנהייטן פאר פארמער און פראדוצירער בשעת'ן אויך גיבן פאר סקול קינדער און באפעלקערונגען וועלכע האבן נישט גענוג סערוויסעס צוטריט צו לאקאל געוואקסענע, פרישע, געזונטע און נארהאפטיגע עסנווארג."

ניו יארק'ס פארם-צו-סקול פראגראם שטופט צו איינקויפן און באנוצן עסנווארג וואס זענען געוואקסן און פראדוצירט געווארן אין ניו יארק סטעיט אין מאלצייטן וועלכע ווערן סערווירט אין די עסצימערן פון סקולס פון קינדערגארטן ביז 12'טע קלאס. פארם-צו-סקול פראיעקטן העלפן פארשטערקערן די געזונטהייט און וואוילזיין פון שילער, זיי באררייכערן אגריקולטור און נערונג חינוך, פארשטערקערן לאקאלע עקאנאמיעס און בויען געזונטע קאמיוניטיס. אין צוגאב העלפן די פראגראמען סקולס און פארמס צו אדרעסירן די שוועריגקייטן פון איינקויפן, אוועקלייגן און סערווירן לאקאלע עסנווארג, צום ביישפיל די מאנגל אין עקוויפמענט צו אוועקלייגן און צוגרייטן פרישע נישט פראצעסירטע עסנווארג, צוטריט צו פארמס וועלכע פארקויפן דירעקט פאר סקולס און אזוי אויך מיטן טרעפן דיסטריביוטערס צו דעליווערן די ניו יארקע פראדוקטן.

פראיעקטן וועלכע האבן באקומען געלט אריבער די סטעיט אדרעסירן די אויסגערעכנטע שוועריגקייטן, און זיי רעכענען אריין:

**הויפטשטאט דיסטריקט**

- Comfort Food of Washington County, Inc. (ערשטע מאל) - $100,000: דער פראגראם וועט פארגרעסערן די מאס און אויסוואהל פון ניו יארק-געוואקסענע עסנווארג פראדוקטן איינגעקויפט דורך סקול עסנווארג אויטאריטעטן אריבער וואשינגטאן, ווארען און סאראטאָגע קאונטיס. דער פראגראם וועט אויך אראנזשירן געלעגנהייטן צו ברענגען די שילער אין די קאונטיס צו באקומען ערשט-האנטיגע אגריקולטור און נערונג חינוך'דיגע פראגראמען.

**פינגער לעיקס**

- קלייד-סעווענע צענטראלע סקול דיסטריקט (ערשטע מאל) - $100,000: דער פראיעקט וועט ווייטער אנטוויקלען עקזיסטירנדע קשרים מיט פארמער און מיט ניו יארקע פארם פראדוקטן דיסטריביוּטערס און אויפבויען נייע קשרים. דער פראיעקט וועט אויך זיין קאנצענטרירט צו אנטוויקלען מאטעריאלן צו אויסלערנען פאר די קינדער איבער ענווייראמענט-פריינטליכע פארמינג/גערטנער ארבעט, אריינרעכענענדיג א גרינהויז וואס וועט ערלויבן די קינדער פון 1-12 קלאסן זיך צו אויספרובירן און לערנען איבער לאקאלע פראדוקטן און נערונג, פאר די חינוך פון די שילער איבערן עסן געזונט און איבער עסנווארג פראדוקציע, צוגרייטונג און אפהיטונג.
- עלבא סקול דיסטריקט (ערשטע מאל) - $100,000: דער פראיעקט וועט ארבעטן צו פארגרעסערן די מאס און אויסוואהל פון ניו יארק סטעיט פארם פראדוקטן איינגעקויפט דורך די עלבא סקול דיסטריקט צו אריינגעלייגט ווערן אין מאלצייטן דורכן אויפבויען נייע קשרים מיט לאקאלע פארם פארקויפער ווי אויך דורך פארם פראדוקטן וועלכע ווערן געוואקסן דורך שילער אויף סקול שטחים.

**מאוהאק וואלי**

- Cornell Cooperative Extension of Oneida County - $99,954: דער פראגראם וועט ארבעטן מיט סקול דיסטריקטס אריבער אניידע קאונטי צו העלפן זיך אן עצה געבן מיט די פראצעדור פון איינקויפן פון לאקאלע עסנווארג וואס איז פארלאנגט אין ניו יארק סטעיט. דער פראגראם וועט אויך העלפן פארמער בויען קשרים אין די עסנווארג סערוויס נעטווארק.

**New York City**

- NYC עדזשוּקעישען דעפּארטמענט - $100,000: די ניו יארק סיטי עדזשוּקעישען דעפּארטמענט אפיס פון נוּטרישען סערוויסעס ( Department of Education Office of Nutrition Services, DOE OFNS) וועט פארגרעסערן די מאס און אויסוואהל פון ניו יארקע פארם פראדוקטן אין סקול מאלצייטן דורכן אנטוויקלען א טרענירונג פאר פראדוצירער ספעציפיש פאר די DOE. די טרענירונג וועט שטיצן פראדוצירער וועלכע וואקסן עסנווארג, גיבנדיג זיי די כלים און וויסנשאפט וואס זענען נויטיג צו קענען פארקויפן ספעציפיש פאר די NYC DOE OFNS און זיי העלפנדיג זיך צו פארשאפן נאך באטרעפנדע סערטיפיקאציעס.

**צפון קאנטרי**

- סערענעק לעיק צענטראלע סקול דיסטריקט - ‎$36,106.16: דער פראיעקט וועט בארייכערן די אויסוואהל פון ניו יארק סטעיט פארם פראדוקטן וועלכע וועלן אריינגעלייגט ווערן אין די סערענעק לעיק צענטראלע סקול פראגראמען דורכן פארגרעסערן די צאל לאקאלע פארם שותפים. עס וועט אויך פארגרעסערן די פארשידנארטיגקייט פון די ווייץ און אנדערע גרעינס און בונדלעך וועלכע ווערן סערווירט פאר שילער דורכן פארשן און זיך פארבינדן מיט פארמס וועלכע וואקסן די שניט.
- Cornell Cooperative Extension Association of Franklin County (ערשטע מאל) - ‎$100,000: דער פראגראם וועט זיך קאנצענטרירן אויף א צוזאמענארבעטנדע שותפות צווישן Cornell Cooperative Extension of Franklin County און דריי סקול דיסטריקטס אין פרענקלין קאונטי וועלכע וועלן העלפן פארגרעסערן די מאס און אויסוואהל פון ניו יארק סטעיט פארם פראדוקטן אין סקול מאלצייט פראגראמען.
- Cornell Cooperative Extension Association - עסעקס קאונטי - ‎$64,717: דורך דעם פראגראם וועט CCE Essex ארויסהעלפן 14 סקול דיסטריקטס אין קלינטאן, עסעקס און פרענקלין קאונטיס מיטן איינקויפן לאקאלע עסנווארג אויף א ראיאנישן פארנעם. דער פראגראם וועט אויך איבערגיבן חודש'ליכע אגריקולטור מאטעריאלן אין די קלאסצימער און 'שניט פון די חודש' מאטעריאלן אין סקול דיסטריקטס.

**דרום טייל ראיאן**

- ברום-דעלעווער-טייאָגע באורד אָוו קאאפעראטיווע חינוך'דיגע סערוויסעס - ‎$100,000: די ברום טייאָגע BOCES (BT BOCES) און קאמיוניטי שותפים וועלן ארבעטן צוזאמען צו פארמערן די קאכן טרענירונג פאר קיך איינגעשטעלטע צו אויפבויען די מעגליכקייטן צו קענען נוצן פארם פראדוקטן אין סקולס; צו פארברייטערן לאקאלע איינקויפונג; אנטוויקלען נייע קשרים מיט ניו יארקע פראדוצירער; און צושטעלן ברייטע חינוך פאר שילער. דער פראיעקט וועט באדינען 15 סקול דיסטריקטס אין ברום און טייאָגע קאונטיס.
- ווינדסאר צענטראלע סקול דיסטריקט, ‎$100,000 דער פראיעקט וועט פארגרעסערן די צאל ניו יארק סטעיט פארם פראדוקטן וועלכע ווערן גענוצט אין די ווינדסאר צענטראלע סקול דיסטריקט סקול מאלצייט פראגראם און פארמערן די אינפראסטרוקטור און מעגליכקייטן פון די דיסטריקט'ס 'לאנד לאבארעטאריע' (Land Lab) צו בארייכערן אגריקולטור חינוך.

**ניו יארק סטעיט אגריקולטור קאמישאנער, ריטשארד א. באל, האט געזאגט,** "ניו יארק סטעיט'ס פארם-צו-סקול פראגראם זעצט פאר צו האבן א גרויסע השפעה אויף אונזערע סקולס און אויף זייער מעגליכקייט צו איינקויפן, צוגרייטן און סערווירן פרישע, לאקאלע פארם עסנווארג פאר אונזערע סקול קינדער. א צאל סקולס און ארגאניזאציעס וועלכע האבן היינט געשאנקען געווארן סומעס באטייליגן זיך צום ערשטן מאל, און עס דערווארעמט דאס הארץ צו זעהן אז מיר זעצן פאר צו אויסברייטערן די פארנעם פון דעם פראגראם אריבער די סטעיט. איך באדאנק גאווערנער האקול פאר איר אנגייענדע איבערגעגעבנקייט צו אונזער אגריקולטור אינדוסטריע, און איך קוק ארויס צו זעהן די פראיעקטן זיך פאראויס רוקן און די בענעפיטן וואס דער פראגראם וועט ברענגען פאר אונזער אגריקולטור קאמיוניטי."

**סענאטארשע מישעל הינטשי, פארזיצערין פון סענאט קאמיטע אויף אגריקולטור, האט געזאגט,** "מיר קענען ברענגען געזונטע, לאקאל-געוואקסענע עסנווארג דירעקט צו סקול מיטאג מאלצייט טישן און צושטעלן מאכטפולע שטעטלישע עקאנאמישע אנטוויקלונג געלעגנהייטן פאר ניו יארקע פארמער דורכן פארמערן פארם-צו-סקול שותפות'ן אריבער אונזער סטעיט. אלץ א גרויסע חלק פונעם פארברייטערן ניו יארק'ס פארם-צו-סקול פראגראם, בין איך גאר באגייסטערט צו זעהן אזוי פיל גרענטס גייענדיג צו העלפן סקולס אויפשטעלן ערשטמאליגע פראגראמען צו שטיצן זייערע שילער און סקול קאמיוניטי."

**אסעמבלי מיטגלידערין דאנע לופּאַרדאָו, פארזיצערין פון אסעמבלי קאמיטע אויף אגריקולטור, האט געזאגט,** "ניו יארק'ס פארם-צו-סקול פראגראם שטעלט צו סקולס די בויגזאמקייט צו קענען צוקומען צו פרישע, לאקאל-געוואקסענע און פראדוצירטע עסנווארג פאר זייערע שילער. עס דערפרייידט מיך צו זעהן דעם פראגראם זיך פארברייטערנדיג צו אריינרעכנענען מער ארגאניזאציעס אריבער די סטעיט, צוזאמען מיט פארגעזעצטע פינאנצירונג פאר עקזיסטירנדע פראגראמען. די קשרים וואס ווערן אויפגעבויט דורך פארם-צו-סקול זענען נויטיג צו קענען אויפהאלטן און וואקסן א לעבהאפטיגע, לאקאלע פארם עקאנאמיע אריבער ניו יארק."

**עימי קאלינס, עקזעקיוטיוו דירעקטארין פון Comfort Food Community, האט געזאגט,** "Comfort Food Community איז באגייסטערט צו באקומען די גרענט. מיר זענען גרייט און ענטוזיאסטיש צו פארברייטערן די וועגן וויאזוי מיר האנדלען מיט די לאקאלע אגריקולטור קאמיוניטי צו צושטעלן מער צוטריט צו לאקאלע פראדוקטן פאר אונזערע ארטיגע סקולס."

**סקאט גארדאן, עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון Cornell Cooperative Extension of Franklin County, האט געזאגט,** "עס איז א כבוד פאר Cornell Cooperative Extension fo Franklin County צו ווערן אויסדערוועהלט אלץ א נייע קערפערשאפט צו באקומען א גרענט פון ניו יארק סטעיט'ס פארם-צו-סקול פראגראם. די געלטער וועלן ערלויבן די אסאָסיעישען צו אויפנעמען א פארם-צו-סקול קאארדינעיטאר צו פארבינדן דריי שותפות'דיגע סקולס און לאקאלע פארמער צו ארויפבויען אויף וואקסנדע שוואונג פאר פארם-צו-סקול אין צפון ניו יארק. דער פראגראם איז א געווינס פאר אלע זייטן, מיטן פארגרעסערן עקאנאמישע געלעגנהייטן פאר נארט קאנטרי פארמער און פארגרעסערן צוטריט צו געזונטע, לאקאלע עסנווארג פאר שילער."

**קלייד-סעווענע צענטראלע סקול דיסטריקט סופּעראינטענדענט, מייקעל סי. העידען, האט געזאגט,** "די פארם-צו-סקול גרענט זאגט עדות איבער אונזערע געמיינזאמע באמיאונגען צו פארשטערקערן די געזונטהייט און וואוילזיין פון אונזערע שילער. עס איז א באדייטנדע טריט פאראויס בייים מאכן א מער שטאנדהאפטיגע און פארבינדענע קאמיוניטי. איך וויל אויסדרוקן א הערצליכע דאנק פאר די ניו יארק סטעיט דעפּארטמענט פון אגריקולטור און מארקעטס פארן אנערקענען אונזער איבערגעגעבנקייט און אונז געבן די געוואלדיגע געלעגנהייט. צוזאמען וועלן מיר פארזעצן צו באפולמעכטיגן אונזערע שילער, זיי געבן די חינוך איבער די וויכטיגקייט פון ענווייראמענט-פריינטליכע ארבעט, און אינספּירירן א דור וואס שעצט און האלט טייער די קשר צווישן אונזערע סקולס און אונזערע לאקאלע פארמינג קאמיוניטי."

**קלייד-סעווענע צענטראלע סקול דיסטריקט עסנווארג סערוויס דירעקטארין, דאנע ריוויעלאָו, האט געזאגט,** "איך בין גאר באגייסטערט צו באקומען די גרענט פון די NY סטעיט דעפּארטמענט פון אגריקולטור און מארקעטס. די פינאנצירונג וועט העלפן אונזער דיסטריקט זיך פארברייטערן און וואקסן אונזערע יעצטיגע שותפות'ן מיט לאקאלע פארמער און פראדוצירער אט דא אין אונזערע אייגענע קאמיוניטיס. עס וועט העלפן די געוואלדיגע ארבעט וואס ווערט שוין יעצט געטוהן דורך אונזערע געוואלדיגע עסנווארג סערוויס איינגעשטעלטע ביים קאכן פרישע, לאקאל-געוואקסענע מאלצייטן געמאכט פון אל"ף ביז תי"ו. איך מיין אבער אז איך בין די מערסטע באגייסטערט דורך דעם וואס די געלטער וועלן אונז העלפן פארברייטערן אונזערע יעצטיגע קלאסן מיט ערשטהאנטיגע לערנען ערפארונגען פאר אונזערע שילער איבערן אויפשטעלן שטאנדהאפטיגע עסנווארג סיסטעמען וועלכע וועלן אויסלערנען פאר אונזערע קינדער צו וואקסן, שניידן און פרעזערווירן פרישע, נארהאפטיגע עסנווארג. איך וואלט נישט געקענט זיין מער באגייסטערט צו ארויפשארן די ארבל און אנהויבן די ארבעט."

**פעטריק הארפער פון Black Creek Farms האט געזאגט,** "מיר, ביי Black Creek Farms, זענען באגייסטערט צו פארזעצן און פארברייטערן די שותפות וואס מיר האבן אויפגעבויט אין לויף פון די

פארגאנגענע יאר מיט קלייד-סעווענע. זייענדיג געוועזענע שילער פון קלייד-סעווענע און לאקאלע פארמער פאר די 5'טע דור, פארשטייען מיר די וויכטיגע פלאץ וואס אגריקולטור האט אין אונזער קאמיוניטי. מיר קוקן ארויס צו אויפקלערן שילער איבער די פראצעדור פון וואקסן פרישע פרוכט און גרינצייג און צו קענען צושטעלן אן ערשטהאנטיגע ערפארונג אויפן פעלד."

דער ניו יארק סטעיט פארם-צו-שטוב פראגראם ווערט אנגעפירט דורך די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון אגריקולטור און מארקעטס (Department of Agriculture and Markets, AGM). דער פראגראם האט זיך געעפנט אין 2015 צו פארמערן די לאקאלע עסנווארג וואס ווערט איינגעקויפט דורך סקול דיסטריקטס און אינדיווידואלע סקולס. א סך הכל פון 61 סקול דיסטריקטס אדער נאָנ-פראפיט ארגאניזאציעס וועלכע ארבעטן מיט סקולס און פארמס האבן באקומען איבער 7.1 מיליאן דאלאר זינט 2015 צו שטיצן פארם-צו-סקול באמיאונגען אריבער ניו יארק סטעיט.

אין צוגאב צו דעם פארם-צו-סקול פראגראם, פירט די AGM אויך אן די ניו יארק סטעיט '30 פראצענט איניציאטיוו' וואס קאנצענטרירט זיך צו איינקויפן מער לאקאלע פראדוקטן פון ניו יארקע פארמערס און פארמערן געזונטע און נארהאפטיגע לאקאלע עסנווארג פאר ניו יארקע סקול מיטאג מאלצייטן. לערנט מער איבער די 30 פראצענט איניציאטיוו און איבער דעם פארם-צו-סקול פראגראם. די אנאנס בויט ארויף אויף די גאווערנער'ס לעצטיגע שריט אריינגערעכנט אין די סטעיט בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2024 וואס האט געהעכערט די סומע וואס סקולס קענען אליין באשליסן צו אויסגעבן אויף לאקאלע עסנווארג און עסנווארג פראדוקטן פון $20,000 צו $150,000 — א באדייטנדע העכערונג פון די פריערדיגע סומע.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן